Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײנט 10 זײטען

# פאלקסבלאט-פּײער

| № 191 | Łódź, Wtorek, 16 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, יד מנחם אב תרצ״ב | № 191 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אנגעהויבען די גענעראל=דעבאטע

## אויף דער אלוועלטליכע יוד. קאנפערענץ אין גענף

### ערקלערונגען פון דר. שמאראג, נח פרילוצקי, צוקערמאן, ראזמארין, מאזור און אנד.

גענף, 15 (י.ט.א. טעלעגראפיש)

אויף דער היינטיגער בעראטונג פון דער אלוועלטליכער יודישער קאנפערענץ האבען אלע רעדנער אין דער גענעראל-דעבאטע זיך ארויסגעזאגט גינסטיג פאר דער איניציאטיוו צוזאמענצורופען דעם אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס.

ד״ר שמאראג פון לעמבערג האט אונטערגעשטראכען, אז די אויפגאבען פון קאנגרעס זעגען צו שטארקען די דיסציפלין, און אז אומפעראנטווארטליכע פערזאנען, זאלען נישט פיהרען קיין פאליטיק געגען די יודישע אינטערעסען.

נח פרילוצקי האט אפגעגעבען אנ׳ערקלערונג אין נאמען פון 11 דעלעגאטען פון פוילען, אז ער איז מסכים צוזאמענצורופען דעם יודישען קאנגרעס נאר מיט׳ן תנאי, או די ארץ ישראל פראגע זאל אויסגעשלאסען ווערען פון פראגראם.

צוקערמאן און אנדערע האבען אונטערגעשטראכען, אז דער קאנגרעס אהן ארץ ישראל איז נישט אנציהענד פאר די יודישע מאסען.

ראזמארין האט רעפערירט וועגען דער גרויסער נויט פון די יודען אין פוילען.

דער פרעזעס פון דער ווארשעווער קהלה מאזור, האט אפגעגעבען אנ׳ערקלערונג, אז ער בעטייליגט זיך אין דער קאנפערענץ צוליב אינפארמאציעס.

## די פראנצויזישע עפענטליכע מיינונג

### וועגען די אונטערהאנדלונגען פון היטלער׳ן מיט הינדענבורג׳ן

פאריז, 15 (ספ. טעל.)

די פאריזער צייטונגען ברענגען גרויסע בעריכטען וועגען די אונטערהאנדלונגען פון הינדענבורג׳ן מיט היטלער׳ן.

די פראנצויזישע צייטונגען שרייבען, אז צוליב די עקסצענטרישע פאדערונגען פון היטלער׳ן האט הינדענבורג געמוזט אזוי האנדלען, אבער איצט וועט ער זיך ווידער מוזען פערשטענדיגען מיט די, וועלכע האבען היטלער׳ן בעקעמפט, מיט די רעפובליקאנער און דעמאקראטען.

די נאציאנאל-סאציאליסטישע בעוועגונג מוז איצט קאפיטולירען פאר גענ. שלייכער, אדער פערשוואונדען ווערען פון דער פאליטישער אויבערפלאך, אדער גאר מיט ארויפגעלאזטען קאפ זיך ווארפען אין אנ׳אוואנטוריסטישען ברודער-קריג מיט דער רייכסוועהר און פאליציי. אין דעם דאזיגען קאמף וועט היטלער אבער בעזיגט ווערען.



דער קאנאל צווישען מעץ און שטראסבורג איז געעפענט געווארען פאר׳ן פערקעהר.

## בעלגיש=פאלעסטינישע האנדעלס=קאמער

אנטווערפען, (י. ט. א.) די בעלגישע ציוניסטישע פעדעראציע האט אויפגענומען די איניציאטיוו צו שאפען א בעלגיש - פאלעסטינישע האנדעלסקאמער, וואס זאל האבען די אויפגאבע צו פלעגען די האנדעלסבעציהונגען צווישעןביידע לענדער.



## א טיכטיגע פערקויפערין

### ווערט געזוכט

אין סאדע-וואסער - געוועלב זשעלאנא 1. צו מעלדען זיך אויפ׳ן ארט.

4845

## ס׳ווערט געזוכט

# געזעלען

צו דעמען-מאגאזין-ארבייט געגען גוטען געהאלט. צו ערפאהרען פלאץ וואלנאשטשי 6, ביי יאקוב גוטמאן.

4849

?

?

# חזנ׳טע

?

?



## שרעקליכע אויטא-קאטאס-טראפע נעבען ניי-סאנץ

### 2 פערזאן דערהרגעט, 10 פערוואונדעט

ניי-סאנץ, 15 (ספ. טעל.)

פון ווישניץ איז ארויסגעפאהרען אנ׳אויטא מיט 23 פערזאן, וועלכע זענען געפאהרען אויף אנ׳אויספלוג קיין זאקאפאנע. מיטן אויטא האט געפיהרט דער שאפער אברהם קאנעגיסער, צוליב דעם צו שנעלען פאהרען האט זיך דער אויטא נעבען ניי=סאנץ איבערגעקעהרט, 2 פערזאן יוזעפא לאזורסקא און סטאניסלאווא ראשעק זענען דערהרגעט געווארען, 10 אנדערע זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

## נאך דער רעדע פון פרעזידענט הובער

### ערב דער לעזונג פון דער פראגע וועגען מלחמה=חובות

ניו-יארק, 15 (ספ. טעל.)

נאך דער גרויסער וואהל-רעדע פון פרעז. הובער, ערקלעהרט מען אין די וואשינגטאנער אפיציעלע קרייזען, אז שוין דעם אנקומענדען ווינטער וועט די פראגע פון די מלחמה חובות ענדגילטיג געלעזען ווערען.



פארק העלענאוו

טראמוואיען-צופאהר 8 און 4.

בילעטען-פארפערקויף: וועלמאנאוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי) וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי) און אין דער קאסע פון העלענאוו

מיטוואך, ד. 17 אויגוסט, חמשה עשר באב, פינקטליך 8.30 אווענד, קומט פאר אין העלענאוו דער

גראנדיעזער קאנצערט

פאר׳ן אפפאהרען נאך אמעריקא פון קעניג פון די חזנים

# ר׳ גרשון סיראטא

מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער פילהארמאנישען ארקעסטער

אלע פלעצער צו 1.04 זל. • ביים קלאוויר דער בעריהמטער פיאניסט נ. סיראטא. • אלע פלעצער צו 1.04 זל.

פראגראם:

כי לקח טוב נתתי לכם
כי הוא לבדו
אב הרחמים
שמע ישראל
ועל ידי עבדיך
אבינו מלכנו
ד״ד אל רחום וחנון
הבן יקיר לי אפרים
שיר השירים
רצה
אאידא ) מיט׳ן ארקעסטער
טאסקא )

